מלוכה און נאציאן

פֿריי בעארבייט נאך א. גראדאווסקי פֿון פּ. א.

פֿערלאג „קדימה", אדעס 1906.

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

386

דרוק פֿון יוסף פֿישער, קראקויא, (גראדגאססע 62).

Дозволено цензурою.
Одёсса 30 марта 1906 года.

Мелухе унъ Націон
т. е. Государство и Нація
Типографія Іосифа Фишера въ Кракови.

אַז מיר בעטראַכטען די אייראָפּעאישע מלוכות זעהען מיר, אַז איינינע פֿון זיי בעשטעהען פון גלייכע, איינערליי עלעמענטען: אי די העכערע, אי די נידריגע פֿאָלקס־קלאַסען שטאַמען אַרויס פֿון איינע אָבות, רעדען אויף איין שפּראַך און האָבען כּמעט איין רעליגיע. די רעגירונג, אַלס איינע פֿון די געזעלשאַפֿטליכע עלעמענטען, צייכענט זיך ניט אויס פֿון דער גאַנצער איבעריגער מאַסע אײנוואוינער ניט מיט איהר יחוס, ניט מיט איהר שפּראַך און ניט מיט איהר רעליגיע. אַ זעלכע מלוכות זענען איטאַליע, שפּאַניע און טיילווייז אויך פֿראַנקרייך. צו דעם זעלבען אידעאַל שטרעבט איצט אויך דייטשלאַנד. אין אַנדערע מלוכות זעהען מיר דעם היפּך: זיי בעשטעהען פֿון פֿערשידענע פֿעלקער, ביי וועלכע ס'איז פֿערבליבען דער זכר פֿון זייער אַ מאָליגער זעלבסשטענדיגקייט, און הערען ניט אויף צו בּיינקען און שטרעבען נאָך זייער בעפֿרייאונג און אויפֿלעבונג. די רעגירונג פֿון אַזאַ מין מלוכה האָט ניט קיין שום שייכות צו דער פֿאָלקס־מאַסע ניט מיט איהר יחוס און ניט מיט איהר שפּראַך. איהר כּח שטיצט זיך נור אויף איינעם פֿון די פֿעלקער, אָדער אויף איינעם פֿון די קלאַסען, וואָס געפֿינען זיך אין דער מלוכה. אָט דאָס פֿאָלק, אָדער דער קלאַס בעקומט דעמאָלט די הערשענדע פּאָליטישע מאַכט, און די איבעריגע פֿעלקער און קלאַסען ווערען אונטערדריקט.

אַזאַ כאַראַקטער טראָגט די איצטיגע עסטרייכישע מלוכה מיט איהר הערשענדער דייטשער בעפֿעלקערונג.

דער פֿאַקט אַליין, אַז ס'עקזיסטירען אַזעלכע מיני מלוכות, האָט אַרויסגערופֿען ביי פֿיעל געלעהרטע דעם געדאַנק, אַז אום אַ מלוכה זאָל קענען עקזיסטירען, איז גאָר ניט נויטיג, אַז זי זאָל בעשטעהן דורכאויס

פֿון אײַנערלײ עלעמענטען; אַז די „מְלוּכָה“, אַלס אַ רעכטליכע יורידישע פֿאָרם פֿון דער געזעלשאַפֿט, קאָן אַרומנעהמען און אַרײַנ־נעהמען אין זיך גאַנץ־פֿערשידענע עטנאָלאָגישע עלעמענטען, ד. ה. מענשען פֿון פֿערשידענע פֿעלקער, און דערפֿאַר טאַקע קאָן דער בעגריף „מְלוּכָה“ צוזאַמענגעשטעלט ווערען נור פֿון רײנ יורידישע סִימָנִים.

אויף דעם אופֿן קומט אויס, אַז „מְלוּכָה“ און „פֿאָלק“ זענען אײַנענטליך צווײ בעזונדערע בעגריפֿען. „מְלוּכָה“, אַלס אַ יורידישע געזעלשאַפֿטליכע פֿאָרם, שטימט ניט שטענדיג מיט דעם בעגריף „פֿאָלק“: אַמאָל איז דער ערשטער בעגריף ברײטער און אַמאָל שמעלער פֿון דעם צווײטען, ד. ה. אַמאָל איז פֿאַרהאַן אין דער מְלוּכָה מעהר פֿון אײן פֿאָלק און אַמאָל בעשטעהט זי פֿון עפּיס אַ שטיקעל פֿאָלק אָדער זי איז צונויפֿגעלאַטעט פֿון שטיקלעך פֿערשידענע פֿעלקער.

ווי ווײַט אָט דער געדאַנק איז ריכטיג — וועלען מיר אַרומ־קלערען אין דעם ביכעל, בעטראַכטענדיג די וויכטיגע בעדינגונגען אין וועלכע ס׳געפֿינט זיך די פֿאָלקס־קולטור בִּפְרַט און דער מענש־ליכער פּראָגרעס בִּכְלַל.

.I

דער פֿראַנצויזישער געלעהרטער ביושע זאָגט: „אין דער פּאָלי־טישער פּראַקטיק האָט מען זיך שטאַרק גערעכענט מיט דעם פֿאָלקס־גײסט. די עראָבערער (מְנַצְחִים) און די געזעצגעבער ווײסען לויט זײער ערפֿאַהרונג, אַז אין דעם גײסט פֿונ׳ם פֿאָלק ליגט אי די פֿעסטע שטיצע פֿאַר די אַנשטאַלטען (*учрежденія*), אי די שטאַרקסטע הִתְנַגְדוּת געגען זײ. און פֿערקעהרט, די פּובליציסטען און יוריסטען, וועלכע האָבען זיך בעשעפֿטיגט מיט דער פּאָליטיק טהעאָרעטיש, האָבען פֿון אַריסטאָטל׳ס צײַטען ביז הײַנטיגען טאָג זיך בִּכְלַל גאָר ניט צוגעריהרט צו דער פֿראַגע

און זִי פֶערנאַכלעסִיגט. זיִי האָבּען נִיט אויסגעפֿאָרשט — פֿאַר וואָס און ווִי אַזוֹי ווערען דִי זאַכען בּעשאַפֿען".

בּיוּשע אִיז פֿאָלקאָם גערעכט אִין דער הִינזִיכט, וואָס דִי לעהרע וועגען דִי פֿעלקער שפִּיעלט ווִירקלִיך כִּמְעַט קֵיין ראָלִיע נִיט אִין דִי פֿערשִיעדענע טהעאָרִיעס וועגען דער מְלוּכָה.

נאָך פֿון אַמאָלִיגע צײַטען אָן האָט דִי מלוכה־ווִיסענשאַפֿט געדרונגען, אַז דִי געזעלשאַפֿט אִיז אויסגעוואַקסען און האָט זִיך ענטווִיקעלט אונטער דער ווִירקונג פֿון דִי אִינדִיווִידועלע אײַגענשאַפֿטען און בּעדערפֿנִישען פֿוּנ'ם מענשען. אָט דִי אַבּסטראַקטע, אִידעאַלע „געזעלשאַפֿט", אָפּגערִיסען און דערווײַטערט פֿון פֿאָלקס־מאַסען, פֿון נאַציאָנאַל־שפּראַכען און פֿון אַלע אִיבּערִיגע אײַגענאַרטִיגע קולטור־סִימָנִים, האָט דִי טהעאָרעטִישע ווִיסענשאַפֿט בּעטראַכט אַלס יְסוֹד פֿון דער מְלוּכָה. נאָך מעהר, דִי, אִין מֹחַ פֿאָרגעשטעלטע, „געזעלשאַפֿט", דער קִבּוּץ פֿון פְּרָטִים, וועלכע זענען פֿערקנִיפּט און פֿערבּונדען צווִישען זִיך דורך זײַערע פּערזענלִיכע, אײַגענע בּעדערפֿנִישען, האָט נִיט געהאַט קֵיין שום בּעשטִימטע אוסווײַנִיגסטע פֿאָרם, קֵיין שום זעלבּסטשטענדִיגען קִיוּם אָהן דער מלוכה. נור דִי מלוכה אַלײן האָט בּעשטִימט און בּעצײַכענט דִי פֿאָרם אִין דִי גרענִיץ פֿון יעדער עקזִיסטִירענדער געזעלשאַפֿט.

טראָגענדִיג אויף זִיך אַזאַ מִין אִידעע, האָט דִי מלוכה זִיך צוזאַמענגעשטעלט פֿון אַ מאַסע אײנער צום אַנדערען אִינדעפֿערענטע אַטאָמען, וועלכע זענען פֿעראײנִיגט געוואָרען דורך דִי מְלוּכָה און געבִּילדעט אַ געזעלשאַפֿט. זעלבּסטפֿערשטענדלִיך, אַז אַזאַ מלוכה, וואָס אִיז בּעשאַפֿען געוואָרען פֿון פֿערשִידענאַרטִיגע עטנאָלאָגִישע עלעמענטען, פֿון שטִיקלעך פֿערשִידענע פֿעלקער, פֿלעגט מען רעכנען פֿאַר אַ פֿאָלקאָמענע נאָרמאַלע ערשײַנונג.

דִי דאָזִיגע טהעאָרִיע אִיז בּעשטעטִיגט געוואָרען סײַ מִיט טהעאָרעטִישע חֲקִירוֹת, סײַ מִיט פֿאַקטען פֿון דעם פּראַקטִישען מלוכה־לעבּען.

„די מלוכה — זאָגט דער דײַטשער פֿילאָזאָף קאַנט — איז אַ פֿעראײַניגונג פֿון אַ סך מענשען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון יורידישע געזעצען“.

אָט דאָס איז על־פּי דין דער פּשט פֿון „מלוכה“. ריכטיגער געזאָגט: דאָס איז די אײנציג־מעגליכע בעשטימונג פֿון דער מלוכה אַלס נור יורידישע פֿאָרם פֿון דער געזעלשאַפֿט.

אמת, דאָ טרעפֿען מיר ניט אפילו קײן זכר פֿון די לעבעדיגע עטנאָלאָגישע סימנים. נור צו וואָס דאַרף מען זײ? די יורידישע געזעצען פֿערהאַלטען זיך גלײַכגילטיג און גאַנץ־אונפֿערשידען צו דער פֿערשידענסטער עטנאָלאָגישער מענשען־מאַסע. דאָס געזעץ קוקט אויף די פֿאָלקס־מאַסע נור ווי אויף אַ מאַסע פֿון אינדעפֿערענטע פּרטים. לאָז זיך די מאַסע בעשטעהן פֿון אַלערלײ עטנאָלאָגישע עלעמענטען, וועט זי שוין ממילא — נאָך קאַנט׳ס מײנונג — בעזיצען אַלע אמת׳ע סימנים פֿון אַ מלוכה: זי וועט פֿאָלגען און מקיים זײַן אַלע מצוות און געזעצען, וואָס געהען אַרויס פֿון אײן ממשלה.

דאָס וואָס איז טהעאָרעטיש אַרויסגעזאָגט געוואָרען אין׳ם נאָמען פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע און שטרענג־יורידישע פֿאָרשטעלונגען, האָט זיך פּראַקטיש אָבגעטהון צוליעב גאָר אַנדערע הינזיכטען. די היסטאָרישע מלוכות האָבען זיך גאַנץ אָפּט צוזאַמענגעשטעלט מיט גרויסען שאָדען פֿאַר די פֿאָלקס־אינטערעסען: מײַסטענטהײל האָט די מלוכה גאָר ניט געוואָלט וויסען פֿון דעם פֿאָלקס־פּרינציפּ און זי האָט איהם גאָר מבטל געווען. די סבה דערפֿון איז געליגען אין דעם קוק, וואָס די רעגירונגען אין די מיטעלאַלטער צײַטען (ימי־הבינים) האָבען געהאַט אויף די מאַסע אײנוואוינער. אין מערב אײראָפּאַ האָט דעמאָלט געהערשט די פֿעאָדאַלע אָרדנונג. יעדער גוטסבעזיצער האָט זיך גערעכענט פֿאַר אַ מין קיסר אויף זײַן טעריטאָריע און די פֿאָלקס־מאַסע איז געווען ווי אַ צוגאָב צו דער ערד. צוזאַמען מיט דער ערד האָט מען גערעכענט דאָס פּראָסטע פֿאָלק אַלס אַ פּריוואַט־אײגענטהום פֿון דעם באַראָן אָדער גראַף. דער גוטסבעזיצער האָט געקענט טהון מיט דער ערד און

מִיט דִי מֶענשֶׁען, וואָס עֶר האָט נוּר גֶעוואָלט. „עֶרד אוּן מֶענשׁ“ האָט מֶען
גֶעקֶענט קוֹיפֶען אוּן פֶערקוֹיפֶען, אַוועֶקגֶעבֶּען אִין נְדָן, פֶערבַּיטֶען אוֹיף
אַנדֶערֶע עֶרד אוּן מֶענשֶׁען, פֶערהאַפְּען מִיט גֶעוואַלד א. ז. וו.

אוֹיף דֶעם אַרט זֶענֶען בֶּעשַׁאפֶען גֶעוואָרֶען אַ זֶעלכֶע „הִיסטאָרִישֶׁע“
מלוּכוֹת ווִי טִירקַיִ; אַזוֹי אִיז נִידֶערלאַנד אִיבֶּערגֶעגאַנגֶען צוּ שפּאַנִיֶע,
בֶּעלגִיֶע צוּ עֶסטרַייך אוּן דֶערנאָך אַ טהֵייל פוּן אִיטאַלִיֶע — שאַמבַּאַר־
דִיֶע אוּן ווֶענֶעצִיֶע — אוֹיך צוּ עֶסטרַייך.

אַזאַ „גֶעקִינסטֶעלטֶער“ עֶטנאָלאָגִישֶׁער מִישׁ־מאַשׁ פוּן דִי מלוּכוֹת
האָט זִיך גֶעהאַלטֶען שטאַרק כָּל זְמַן דִי פֶעלקֶער זֶענֶען גֶעווֶען פֶער־
גרֶעבּט אוּן אוּנווִיסֶענד. פֶעראַייִנִיגט אוּן צוּנוֹיפגֶעשמאָלצֶען דוּרך דֶער
קאַטוֹילִישֶׁער קִירכֶע, האָבֶּען דִי פֶעלקֶער אִין דִי מִיטֶעלאַלטֶער צַייטֶען
נִיט גֶעוואוּסט אוּן נִיט גֶעפִיהלט זֵייעֶר בֶּעזוּנדֶערֶען, זֶעלבּסשטֶענדִיגֶען
„אִיך“. דֶער שאַפֶענדֶער נאַצִיאָנאַל גַייסט אִיז גֶעלֶעגֶען בֶּעגראָבֶּען אוּן
האָט זִיך נִיט אַרוֹיסגֶעווִיזֶען אִין אַ אָרִיגִינאַלֶער פאָלקס־פּאָעֶזִיע, מאַ־
לֶערַייִ, ווִיסֶענשאַפט אוּן אִין אַייגֶענאַרטִיגֶע פּאָלִיטִישֶׁע אַנשטאַלטֶען.
דאָס גֶעשטאַלט פוּן דֶער רוֹימִישֶׁער מלוּכה, פוּן דֶער רוֹימִישֶׁער קוּלטוּר
האָט פֶערקנֶעכטֶעט אוּן שווֶער גֶעדרִיקט דֶעם מֹחַ אוּן דאָס האַרץ פוּן
דֶער מֶענשהַייִט. דִי גֶע׳מְלָאכָה׳טֶע אַייִנהַייִט פוּן דֶער קוּלטוּר האָט גֶע־
פאָדֶערט דִי זֶעלבֶּע אַייִנהַייִט אוֹיך אִין דִי פּאָלִיטִישֶׁע פאָרמֶען. דִי
הֵיילִיגֶע רוֹימִישֶׁע מאָנאַרכִיע האָט גאַנץ דַייטלִיך אוּן פאָלקאָם אוֹיס־
גֶעדרִיקט אָט דִי שטרֶעבּוּנגֶען. נִיט קוּקֶענדִיג אוֹיף דִי גֶע׳מְלָאכָה׳טֶע
אַייִנהַייִט, האָט זִיך דֶער מִישׁ־מאַשׁ פוּן דִי פֶערשִׁידֶענֶע פֶעלקֶער אִין
דֶער מלוּכה גֶעקֶענט טהֵיילֶען אוֹיף אַלֶערלֵייִ חֲלָקִים, נוּר נִיט אוֹיף נאַ־
צִיאָנאַלֶע. אַזוֹי האָבֶּען זִיך גֶעלֶעבּט אִין שָׁלוֹם אוּן אַחדוּת דֶער פּאַבּסט —
דֶער פאָרשטֶעהֶר פוּן דֶער גַייסטלִיכֶער אַייִנהַייִט, אוּן דֶער אִימפֶּעראַ־
טֶער — דֶער כְּלוֹמֶר׳שטֶער פאָרשטֶעהֶר פוּן דֶער פּאָלִיטִישֶׁער אַייִנהַייִט —
צוּזאַמֶען מִיט דִי אַלֶע פֶעאָדאַלֶען, גראַפֶען אוּן בּאַראָנֶען, ווֶעלכֶע האָבֶּען
צוּבּרֶעקֶעלט צווִישֶׁען זִיך כִּמְעַט אַלֶע לֶענדֶער אִין מַעֲרָב אֵייראָפּאַ.

נור בּיסליכוויַז האָבּען די נאַציָעס זיך אָנגעהױבּען ענטװיקלען. זײ האָבען אָנגעהויבּען שאַפען זײער אײגענע ליטעראַטור, אַרכיטעקטור, קונסט און פהילאָזאָפיע, און דאָס האָט, ענדליך, פון איין זײַט אומ־געבּראַכט די אידעאַלען פון דער אײנציגער וועלט־מאָנאַרכיע און דער אײנציגער וועלט־קירכע, און פון דער צווייטער זײַט — אָנגעהויבּען מאַכען אַנ'עק מיט דער פעדעראַלער צובּרעקלונג.

די וועלט־מלוכה איז צופאַלען געוואָרען אויף פיעל זעלבּסט־שטענדיגע מלוכות; און יעדער מלוכה האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפען דעם יאָך פון דעם פּאַבּסט און פון דעם אימפּעראַטער. צוזאַמען דער־מיט האָט זי אָבּגעשאַפט די מאַכט פון די גוטסבּעזיצער: זײ האָבען זיך געמוזט אונטערוואַרפען דער הערשאַפט און די אַלגעמיינע געזעצען פון דער נייער מלוכה.

אין דער צווייפאַכיגער בּעוועגונג האָבּען די פעלקער אַרויסגע־וויזען צוויי שטרעבונגען, וועלכע זענען צווישען זיך אײניג פערבּונדען: די ערשטע שטרעבונג — צו אויסוויינינגסטער זעלבּסשטענדיגקייט און די צווייטע צו אינוויינינגסטער אײנהייט. די קעניגליכע מאַכט, אַלס פער־טרעטערן פון דער נאַציאָנאַלער בּעוועגונג, האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז זי הענגט פון קיינעם ניט אָבּ אין איהר אינווייניגסטער הַנְהָגָה. דערמיט האָט זי זיך פון איין זײַט אָפּגעזאָגט פון דער אידעע פון דער גייסטליכער מאַכט, לויט וועלכער די מאָנאַרכיע האָט זיך בּערעכענט אַלס מַתָּנָה פונ'ם איינציגען געטליכען פאָרשטעהער אויף דער ערד, פונ'ם פּאַבּסט; און פון דער צווייטער זײַט האָט זי זיך דערמיט אָבּגעזאָגט צו אַנער־קענען די איבּערמאַכט פונ'ם אימפּעראַטער. די נאַציאָנאַלע געזעלשאַפט האָט זיך פערעפענטליכט אַלס אַ פאָלקאָם־זעלבּסשטענדיגער כֹּחַ, וואָס פערזאָרגט אַליין אַלע איהרע אינטערעסען. אויסער דעם האָט די קעניג־ליכע מאַכט צוגענומען בּיי די אָרטיגע גוטסבּעזיצער זײערע פּריווילעגיען, וועלכע האָבּען ניט געשטימט מיט די פאָלקס־אינטערעסען. מ'האָט פע־ווערט די פּריוואַטע מִלְחָמוֹת, וואָס די בּאַראָנען און גראַפען פלעגען

פֿיהרען צווישען זיך, דעם פֿעָדעראַלער בית־דין, די אָרטיגע געזעצ־געבונג א. ז. וו.

אַזוי האָט דער אויטאָריטעט פֿון דער קעניגליכער מאַכט צו־בראָכען די כּחות, וואָס האָבען פֿערהאַלטען די נאַציאָנאַלע ענטוויקלונג. דער אויטאָריטעט האָט געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג אין איוראָפּע בּי אין סוף פֿון דעם 18־טען יאָהרהונדערט.

אָמת, מ׳קאָן ניט זאָגען, אַז די קעניגליכע מאַכט האָט אומעטום אויפֿגעלעזט די נאַציאָנאַלע פֿראַגע. ניין, די קעניגען זענען אֲפִילוּ ניט געווען אומשטאַנד אָוועקצושטעלען די פֿראַגע ווי עס געהער צו זיין.

מ׳דאַרף ניט פֿערגעסען, אַז, ערשטענס, האָט די קעניגליכע מאַכט גע׳ירשה׳ט פֿיעל עלעמענטען פֿון דעם פֿעָדעראַלען רעכט און, צווייטענס, אַז זי האָט שטענדיג אַרויסגעשטעלט אויפֿ׳ן ערשטען פּלאַן רייך־פּאָלי־טישע און יורידישע פֿראַגען וועגען דער איינהייט פֿון דער מאַכט, גע־זעץ און אַדמיניסטראַציע.

אויסשפּרייטענדיג זייער מֶמְשָׁלָה אויף פֿערשידענע לענדער, האָבען די קעניגען זיך ניט תָּמִיד גערעכענט מיט די נאַציאָנאַלע בּע־דינגונגען פֿון די לענדער. אין איינציגע פֿעלען, אונטער דער ווירקונג פֿון אויסווייניגסטע אומשטענדען האָט די קעניגליכע מאַכט מיטגע־האָלפֿען דער אויסבּילדונג פֿון נאַציאָנאַלע מלוכות. אַזוי פֿלעגען טהון, האָטש ניט תָּמִיד און ניט פֿאָלקאָם, די פֿראַנצויזישע קעניגען. פֿער־קעהרט, אַנדערע קעניגען פֿלעגען איבּער צופֿעליגע אומשטענדען איינ־נעהמען פֿערשידענע נאַציאָנאַלע לענדער און געגענדען. דאָ בּעגעגנען מיר נאָך אַמאָל די אַלטע אידעע, אַז די מְלוּכָה מיט איהרע יורידישע און פּאָליטישע איינהייט קאָן בּעשטעהן פֿון פֿערשידענע אויסגעמישטע נאַציאָנאַל־עלעמענטען. די פּאָליטישע הַנְהָגָה פֿון עסטרייך מיט איהרע געזעצען קאָן מען בּענוצען פֿאַר אַלע איהרע פֿערשידענע פֿעלקער, און דאָס וועט ניט זיין קיין סְתִירָה פֿאַר די פֿאָדערונגען פֿון דער יורידישער לאָגיק.

מ׳קאָן נור זאָגען, אַז אין סוף פֿון דעם 18־טען יאָהרהונדערט האָבען די מְלוּכָה־פֿאָרמען כּ מְ עַ ט זיך צוטהיילט צווישען די עקזיסטי־

רענדע נאַציאָנען. נור דאָס האָט ניט אָבגעהאַלטען די גרעסערע און שטאַרקערע מלוכות עובר צו זיין אויף דעם נאַציאָנאַל-פּרינציפּ און דער־שטיקען די קלענערע, שוואַכערע אומות.

אין דער נייעסטער צייט, איבערהויפּט פון זינט די בירגערליכע און פּאָליטישע פרייהייט פון די פעלקער האָט זיך שטאַרק ענטוויקעלט, האָט די נאַציאָנאַלע פראַגע אין מערב אייראָפּא בעקומען גאָר אַנ'אַנ־דער שטעלונג. די נייעסטע פּאָליטישע פילאָזאָפיע האָט אַנערקענט, אַז אין דער זעלבסטשטענדיגקייט פון דער מלוכה ליגט אי דאָס רעכט פון דער העכערער רעגירונג, אי דאָס רעכט פון יעדען פאָלק צופיהרען אַ זעלבסטשטענדיגע ענטוויקלונג. די רעגירונג דריקט אויס די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פונ'ם פאָלק, און דאָס פאָלק שטיצט מיט אַלע זיינע כחות יעדער נאָרמאַלע רעגירונג. דורך דער רעגירונג ווערט פערווירקליכט דאָס רעכט פונ'ם פאָלק צו פיהרען אַ געוויס זעלבסשטענדיג אינטערנאַציאָ־נאַלע לעבען. ביז אין יענער צייט האָט זיך די פּאָליטישע מאַכט גע־שטיצט אויף אַנ'אויסווייניגסטען פּרינציפּ, וועלכער איז ניט געווען גלייך פערבונדען מיט די בעדינגונגען פונ'ם פאָלקס-לעבען. די פּאָליטישע מאַכט אין דער האַנד פונ'ם קעניג האָט זיך גערעכענט אַלס אַ בעזונדערע מתנה פון גאָט און האָט זיך געבויעט אויף דעם נצחון פון איין פאָלק איבער דעם אַנדערען. אָבער פאַר'ן פאָלק אַליין איז די קעניגליכע מאַכט געווען אַנ'אויסווייניגסטער כח, וואָס האָט כלומר'שט אַריינגעטראָגען אין דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען אָרדנונג און אחדות. אין דעם אחדות האָבען, מישטיינסגעזאָגט, געקענט לעבען די פערשיע־דענסטע פעלקער.

אָבער איצט, ביי די איצטיגע פאָדערונגען מוז די פּאָליטישע מאַכט זיין אָרגאַניש פערבונדען מיט דעם פאָלק, און פערקעהרט, יעדע נאַצי־אָנאַלע געזעלשאַפט, וועלכע איז פעהיג צו פיהרען אַ זעלבסט שטענדיג היסטאָריש לעבען, האָט דאָס רעכט צו בילדען זיין איינענע פּאָליטישע פאָרם בהסכם מיט זיינע שטרעבונגען און בעדערפנישען. אַנדערש גע־זאָגט, פון איצט אָן פאָרמולירט זיך דער נאַציאָנאַלער פּרינציפּ אַזוי

יעדעס פאָלק, ס'הייסט יעדער קבוץ פון מענשען, וועלכע קומען ארויס פון איינע אָבות, רעדען איין שפראַך, פערמאָגען איין קולטור און איין היסטאָרישע פערגאַנגענהייט האָט דאָס רעכט צו שאַפען אַ בעזונדער מלוכה".

.II

אַזוי פערשטעהט מען איצט דעם יסוד פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. ס'איז קלאָר, אַז דער נייער נאַציאָנאַל־פּרינציפּ איז געגען די אַמאָליגע גע'מלאכה'טע מלוכות, וועלכע זענען אָרגאַניזירט און בעשטעטיגט געוואָרען נאָך אינ'ם אָנהויב פון דעם 19־טען יאָהר הונדערט דורך דעם וויענער דיפּלאָמאַטישען קאָנגרעס אינ'ם יאָהר 1815. דער קאָנגרעס האָט מיט דער גרעסטער חוצפה צוט־רעטען מיט די פיס דעם גאַנצען נאַציאָנאַל־פּרינציפּ.

נור אָט איז אָנגעקומען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע. די ערשטע צייט האָט די רעאַקציע אַ געגען די יסודות פון דער רעוואָלוציע איינ־געלעגט די וועלט אינ'ם נאָמען פון דעם נאַציאָנאַליזם. די רעאַקציע האָט פערמאַסקירט איהר אֶמת'ע כּוונה מיט „פּאַטריאָטישע" פאָדערונגען, וועלכע זי האָט אַרויסגעשטעלט אינ'ם נאָמען פון דער פאָלקס־זעלבסט־שטענדיגקייט. זי האָט אפילו בעשאַפען גאָר אַ שפּאָגעל נייע טהעאָריע וועגען דאָס אָפּיציאַלע פאָלק, וואָס אין זיין נאָמען האָבען די רעאַק־ציאָנערען אַליין עובר געווען אויף אַלע רעכטע און פריי־הייטען אויף פערשיעדענע אופנים. די רעאַקציאָנערען האָבען אינ'ם נאָמען פונ'ם פאָלק געשריען געוואַלד אַ געגען די אַבסטראַקטע און אַלגעמיינע פּרינציפּען פון דער רעוואָלוציע. איינער פון די גרויסע רעאַקציאָנערען דע־מעסטראַ האָט דעמאָלט געשריבען: „די נאַציאָנען האָבען אויך עפּעס אַ ווערטה אין דער וועלט; מ'טאָר זיי ניט רעכנען פאַר גאָר נישט, מ'טאָר זיי ניט בעליידיגען אין זייערע מנהגים און נטיות און אין זייערע טהייערסטע אינטערעסען".

אָבער די היסטאָריע האָט בעוויזען, אַז די „פּאַטריאָטישע" רעאַקציע האָט ניט געשאַדט דער אֶמת'ער נאַציאָנאַלער זאַך. די נאַצי־

אַנאַלעֶר בעֶוועֶגונג איז געֶוואָרעֶן אייניג מיט דעֶר עֶנטוויקלונג פוּן דעֶר בירגעֶרליכעֶר און פּאָליטישעֶר פריי־הייט, מיט דעֶר אָריגינאַלעֶר קולטור־עֶנטוויקלונג פוּן יעֶדעֶן פאָלק.

פוּן דעֶם דאָזיגעֶן שטאַנד־פונקט דאַרף מעֶן זוכעֶן דעֶם יְסוֹד פוּן דעֶר נאַציאָנאַלעֶר פראַגעֶ קֹדֶם־כֹּל אין די בעֶדינגונגעֶן פוּן דעֶר קולטורעֶלעֶר עֶנטוויקלונג פוּן יעֶדעֶן פאָלק. יעֶדעֶס נאַטירליכעֶ פאָלק, אַלס אַ געֶוויסעֶר קאָלעֶקטיוועֶר טיפּ, צייכעֶנט זיך אויס פוּן אַלעֶ אַנדעֶרעֶ פעֶלקעֶר מיט זיינעֶ בעֶזונדעֶרעֶ אייגעֶנשאַפטעֶן, מיט זיינעֶ מאָראַלישעֶ און גייסטליכעֶ פעֶהיגקייטעֶן און האָט דעֶריבעֶר דאָס רעֶכט צו עֶקזיסטירעֶן און צו עֶנטוויקלעֶן זיך גאַנץ זעֶלבסט שטעֶנדיג. און כְּדֵי די אַלגעֶמיין־מעֶנשליכעֶ קולטור זאָל זיך פיהרעֶן אויף דעֶם אֱמֶת׳ן, ריכטיגעֶן וועֶג איז נויטיג, אַז די אייגעֶנשאַפטעֶן פוּן אַלעֶ פעֶרשיעֶ־דעֶנעֶ נאַציאָנעֶן זאָלעֶן זיך פריי עֶנטוויקלעֶן. יעֶדעֶס פאָלק, ווי גרויס עֶס זאָלעֶן ניט זיין זיינעֶ פעֶהיגקייטעֶן, ווי רייך עֶס זאָלעֶן ניט זיין זיינעֶ מאַטעֶריעֶלעֶ מיטעֶלעֶן, קאָן איבעֶרהויפּט פעֶרווירקליכעֶן נור איין זייט פוּן דעֶם אַלגעֶמיין־מעֶנשליכעֶן לעֶבעֶן. אַוועֶקנעֶהמעֶן פוּן דעֶר מעֶנשהייט זיינעֶ פעֶרשיעֶדעֶנאַרטיגעֶ אָרגאַנעֶן, הייסט צונעֶהמעֶן דאָס מעֶגליכקייט אַרויס־צוווייזעֶן אין דעֶר אַלגעֶמיין־מענשליכעֶר היסטאָריעֶ דעֶם רייכעֶן, פיעֶל־פאַרביגעֶן אינהאַלט פוּן דעֶם מעֶנשליכעֶן גייסט. דעֶר געֶדאַנק, אַז אויף דעֶר גאַנצעֶר וועֶלט זאָל העֶרשעֶן איין־אייניציגעֶ קולטור־פאָרם, איז געֶגעֶן די אַלעֶ בעֶדינגונגעֶן פוּן דעֶם מעֶנשליכעֶן פראָגרעֶס. אֱמֶת, די וויסעֶנשאַפט לייקעֶנט ניט אָב, אַז די וויכטיגסטעֶ רעֶזולטאַטעֶן פוּן דעֶם גייסטליכעֶן, מאָראַלישעֶן און עֶקאָנאָמישעֶן לעֶבעֶן פוּן יעֶדעֶן פאָלק ווערעֶן דאָס פעֶרמעֶגעֶן פוּן אַלעֶ פעֶלקעֶר. נור די היסטאָריעֶ בעֶווייזט מיט קלאָרעֶ רַאְיוֹת, אַז די גוטעֶ רעֶזולטאַטעֶן קעֶנעֶן דעֶרגרייכט ווערעֶן נור דעֶמאָלט, ווען די נאַציאָנאַלעֶ היסטאָריעֶ עֶנטוויקעֶלט זיך פריי. מיר וויסעֶן גוט, אַז די גריכעֶן האָבעֶן בעֶשאַפעֶן די קונסט און פהילאָ־זאָפיעֶ, אַז די רוימישעֶ היסטאָריעֶ האָט געֶבוירעֶן דאָס רוימישעֶ רעֶכט, אַז די עֶנגלישעֶ קאָנסטיטוציעֶ איז עֶנגלאַנד׳ס פעֶרמעֶגעֶן, און דאָס אַלעֶס

שטעהרט זיי ניט צו האָבען אַ בעדייטענדע ווערטה פאַר דער גאַנצער מענשליכער וועלט, צו ווירקען אויף די קונסט, פהילאָזאָפיע און פאָליטיק אין דער גאַנצער געבילדעטער וועלט.

דער בעריהמטער רוסישער פהילאָזאָף וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו זאָגט: „אַלעס וואָס האָט בעשאַפען עפּיס וויכטיגעס אין דער היסטאָריע האָט תמיד געטראָגען אַ דריי־פאַכיגען כאַראַקטער: 1) פּערזענליכען; 2) אַ נאַציאָנאַלען און 3) אַנ׳אַלגעמיינען. יעדער היסטאָרישער שאַפענ־דער גייסט איז איינגעוואָרצעלט אין די פּערזענליכע כחות און אייגענ־שאַפטען, וואָס הענגען אָב פון דער נאַציאָנאַלער אַטמאָספערא און האָבען אַנ׳אַלגעמיין־מענשליכע בעדייטונג. דער יודישער תנ״ך, דער חינע־זישער בודיזם, די גריכעשע פהילאָזאָפיע, דאָס רוימישע רעכט, דער איטאַליענישער הומאַניזם, די דייטשע רעפאָרמאַציע האָבען בעשאַפען אַלגעמיינעס פון פּערזענליכעס דורך נאַציאָנאַלעס“.

די היסטאָריע רופט אַלע נאַציאָנען צו לעבען און צו ענטוויקלען זיך אַזוי, אַז זיי זאָלען זיך ניט אָבזונדערען און ניט דערווייטערען איינע פון אַנדערע, אָבער אויך זיי ניט נאָכטאַנצען און בלינד נאָכטהון. יעדעס פאָלק דאַרף געבען דער גאַנצער מענשהייט דאָס, וואָס איז פער־באָרגען אין די כחות פון זיין גייסטליכער מאָראַלישער נאַטור. דאָס שאַפען (творчество), אָט דאָס איז דאָס ענד־ציעל, וואָס די נאַטור אַליין שטעלט יעדען פאָלק — אָהן דעם ציעל איז אונמעגליך, אַז די מענשהייט זאָל זיך פאָלקאָם ענטוויקלען, טוידטען דעם שאַפענדען כח פון אַ גאַנץ פאָלק איז אַלץ־איינס ווי צו טוידטען די איניציאַטיווע פון איינ־צעלנע מענשען. מזכה זיין אַלע ראַסען מיט איין אַלגעמיינער קולטור איז פונקט אַזוי שעדליך פאַר דעם גאַנצען אינטערנאַציאָנאַלען לעבען, ווי איינפיהרען אין אַ לאַנד איין אַדמיניסטראַטיווע צענטראַליזאַציע.

דאָס נאַציאָנאַלע ציעל קען ניט דערגרייכט ווערען דורך דעם, וואָס די נאַציאָן וועט מיט איהר מאַכט אונטערדריקען אַנדערע נאַצי־אָנען, וועו אַפילו אַ פאָלק וואָלט איינגעמען די גאַנצע וועלט, וואָלט עס ניט אומשטאַנד געווען מוסיף זיין איין וואָרט צו דעם גייסטליכען

אוֹצר פוּן דער גאַנצער מענשהייט. „אם אין אני לי מי לי“ — איז דער גרעסטער כּלל אינ'ם לעבען פוּן יעדען פאָלק, וועלכער וויל פערנעהמען אַ שטאַרקע פּאָזיציע אין דער מענשליכער היסטאָריע.

וויל אַ פאָלק לעבען — מוּז עס זאָרגען און אַרבּייטען פאַר זיך. וויל אַ פאָלק פריי זיין גייסטליך, טאָר עס ניט זיך אַליין פערקנעכטען דערמיט, וואָס ער וועט פער־געטטערען די „אַלגעמיינע קולטור“. פער־געסען יעדער זעלבּסטשטענדיגקייט און נור נאָכטהון אַנדערע — דאָס איז דער אמת'ר טוידט פוּן יעדען שאַפענדען גייסט. פרעמדע מדות, מנהגים און אידעען זענען גוט אַלס געוויסע ערציהונגס־מיטעל, נור זיי דאַרפען בשום אופן ניט טוידטען די גייסטיגע זעלבּסטשטענדיגקייט. נעהמען וואָס איז מעגליך בּיי אַנדערע בּתנאַי יענעם געבּען, אָבּהיטען־דיג דערבּיי די אייגענע פאָלקאמענע זעלבּסטשטענדיגקייט — דאָס איז דער וויכטיגסטער תּנאַי פוּן דעם נאַציאָנאַלען קיום.

דאָס איז דער נאַטור־היסטאָרישער פונדאַמענט פוּן דער נאַציאָ־נאַלע פראַגע.

דאָס רעכט פוּן יעדען פאָלק צוּ ענטוויקלען זיך זעלבּסטשטענדיג און האָבּען אַנ'אייגענע היסטאָריע שטיצט זיך אויף די פעסטע געזעצען פוּן דער מאָראַלישער מענשליכער נאַטור און ווערט בעשטעטיגט מיט דעם גאַנג פוּן דער אַלגעמיינער היסטאָריע. נור דאָס נאַטירליכע רעכט וואָלט געבּליבּען אַ טוידט אות, ווען עס זאָל ניט גאַראַנטירט ווערען דורך אַ וויכטיגען אויסווייניגסטען תּנאַי, דורך די פּאָליטישער זעלבּסט־שטענדיגקייט פוּנ'ם פאָלק, כּדי ס'זאָל זיין גאַראַנטירט די אָריגינאַלע ענטוויקלונג פוּנ'ם פאָלק אין דער גייסטליכער, מאָראַלישער און עקאָ־נאָמישער הינזיכט, מוּז דאָס פאָלק האָבּען זיין אייגענע נאַציאָנאַלע פּאָליטישע מאַכט, בּילדען אַבּעזונדערע מלוכה.

די היסטאָריע ווייזט אונז פּאַקטיש, אַז די זעלבּסטשטענדיגע קולטור־ענטוויקלונג פוּן אַ פאָלק, וואָס לעבט אין אַ פרעמדער מלוכה, ווערט אָבּגעשטעלט. די פעלקער, וואָס האָבּען פערלוירען זייער פּאָליטישע זעלבּסטשטענדיגקייט, ווערען שטופענווייז פער־

שלונגען דורך אַנדערע ראַסען. זיי בלייבט נאָך איינינע עטנאָ־
לאָגישע סימנים און מיט דער הילף פון א געוויסער ענערגיע קענען זיי
נאָך אויפהאַלטען זייער אָרטיגען כאַראַקטער; אָבער דאָס מעגליכקייט
צו האָבען אַ זעלבסטשטענדיגע קולטור ווערט פערפאַלען אויף אייביג,
אָדער שטעלט זיך אָב ביז אין דער צייט, וואָס זיי ווערען בעפרייט
ווערען פון דעם פרעמדען יאָך. ביז אין דער גליקליכער צייט מוזען זיי זיך
בעגניגען — אין דאָס ביי גוטע אומשטענדען — דערמיט וואָס זיי ווערען
אָבהיטען זייער אַרטיגע קולטור. נור אָבהיטען דאָס אַלטע איז בכלל
אַ קאָנסערוואַטיווע אַרבייט און גאָר אַ קליינע נחמה פאַר אַ פאָלק,
וואָס פיהלט אין זיך אַ לעבעדיגע קראַפט. דאָס אַלטע ווערט מיט יעדער
מינוט נאָך עלטער. אָבהיטענדיג דאָס אַלטע, דערוויילטערט זיך געוועהנליך
דאָס פאָלק פון דעם פראָגרעס, וועלכער ווערט פערווירקליכט דורך אַ
פרעמדע מלוכה. און אַז דאָס לעבען רופט אַרויס דאָס בעדערפעניש
אין די העכסטע פאָרמען פון דער קולטור, מוזען דעמאָלט די אונטער־
געוואָרפענע פעלקער אָננעהמען די קולטור ביי דעם פרעמדען פרייען
פאָלק, ד. ה. דעמאָלט מוזען זיי זיך אָבזאָגען פון זייער „איך" און ווערען
גאָר אַנדערע פעלקער. אָבער ניט יעדעס פאָלק איז פעהיג צו ברייננגען
אַזא קרבן. אַזוי איז, למשל, די לאַגע פון די סלאַווישע פעלקער
אין עסטרייך. צווישען דער הערשענדער דייטשער בעפעלקערונג רעכנען
זיי זיך פאַר „באַרבאַרען", וואָס זענען מחויב אָננעהמען די העכערע
קולטור, ד. ה. אַ פרעמדע שפראַך און פרעמדע מנהגים. נור דאָס וואָס
מען רופט „סלאַווישער באַרבאַריזם" איז אייגענטליך די סומע פון
דער בעזונדערער פסיכיק און דאָס נאַציאָנאַלע רייכטהום פון די סלאַ־
ווען, וואָס זיי מוזען אָבהיטען חאָטש אפילו אין דער אַלטער, טראַ־
דיציאָנער פאָרם, כדי זיי זאָלען ניט פערשווינדען ווערען פון דער
היסטאָרישער וועלט־סצענע.

בעטראַכטענדיג דאָס, וואָס מיר האָבען ביז איצט אַרויסגעזאָגט,
קומען מיר צו דער החלטה, אַז די נאַציאָן איז דער נאָרמאַלער, נאַטיר־
ליכער יסוד פון דער מלוכה; אַז די מלוכה האָט די אויפגאַבע פער־

ווירקליכען דִי פֶערשִׁידענֶע צִיעלען פוּן דער פָאלקס־קוּלטוּר. דעריבער קאָן מען זאָגען, אַז דִי מלוכה, אִין ענגען זִין פוּנ׳ם וואָרט, אִיז ניט מעהר ווי אַ יוּרידִישע פָארם פוּן דער פָאלקס־ענטוויקלוּנג.

דער קוּק, אַז די מְלוּכָה אוּן נאַציאָן זענען צווישען זיך אָרגאַניש פֶערבוּנדען, בעשטעטִיגט דִי נייעסטע הִיסטאָרישע וויסענשאַפט. „דִי געזעלשאַפט — זאָגט דער ענגלישער פּאָליטִיקער קאָרנוואַל־ליוּס — פאָדערט, אַז די פְּרָטִים זאָלען זיך געפִינען אִין שְׁכֵנוּת אוּן אִין אַ געוִיסען אַחדוּת. לעבען אִין שכֵנוּת — נאָהענט אֵיינער צוּם אַנדערען — איז מעגליך נוּר אין די גרענִיצען פוּן אַ געוויסען אָרט אוּן אִין געוויסע תְּנָאִים פוּן אַחדוּת. ס׳איז נִיטאָ קֵיין אֵיין־אֵיינצִיגע געזעלשאַפט פוּן דער גאַנצער מענשהֵייט, אַזוֹי ווִי ס׳איז נִיטאָ קֵיין געזעלשאַפט פוּן אַלע מִינִים מאַלפּעס, באָברען, שאָף, בִיהנען, מוּראַזשקעס אוּן הֵיישרעקען. דערפאַר טאַקע, אַז עס פֶעראֵייניגען זִיך מענשען אָדער חַיוֹת, בילדען זֵיי געוויסע מַחְנוֹת, ד. ה. געוויסע בעגרעניצטע קערפּערלִיכע פאָרמען. אויך דִי געזעלשאַפט אִיז אֵיינענטלִיך אָבגעגרעניצט מִיט די פאָרמען. דִי פּאָלִיטִישע געזעלשאַפט אִיז בְּעֶצֶם נאַציאָנאַלִיש. דִי גאַנצע מענשהֵייט קאָן נִיט בִילדען אֵיין בּרֵייטע געזעלשאַפט אוּנטער אֵיין רעגירוּנג: זִי צוּטהֵיילט זיך אויף אָהן אַ צאָהל פֶערשיעדענע געזעלשאַפטען, וועלכע בילדען מֵייסטענטהֵייל בעזוּנדערע נאַציאָנען אויף געוויסע אֵייגענע טעריטאָריעס".

.III

ווִי יעדער נייע אידעע האָט אויך דער נאַציאָנאַליזם אַרויסגערוּפען אַ שטאַרקע הִתְנַגְדוּת צווִישען פֶערשִׁידענע געלעהרטע. אֵייניגע געגנער טרעטען אַרוֹיס געגען דעם פּרִינציפּ זעלבסט, אַנדערע בעגניגען זיך דערמִיט, וואָס זֵיי ווֵייזען אָן אֵייניגע פאַקטען, וועלכע זענען כְּלוֹמְרִישט סוֹתֵר די ריכטיגקֵייט פוּן דעם נאַציאָנאַלען פּרינציפּ.

מיר ווילען זיך אָקערשט אָבשטעלען אויף זֵייערע טַעֲנוֹת.

די וואָס טַעֲנה׳נען געגען דעם נאַציאָנאַלען פּרינציפּ, געהען אַרויס פון די יְסוֹדוֹת פון דער מאָראַלער פהילאָזאָפיע ווי אויך פון אַ רייך־וויסענשאַפטליכען שטאַנד־פונקט. די ערשטע זאָגען, אַז דער פּרינציפּ בעשאַפט אַ שִׂנְאָה צווישען די פעלקער, וועלכע דאַרפען לעבען אין שָׁלוֹם און אַחדוּת — בְּחַבְרוּתָא; אַז דאָס ציעל פון דער קולטור איז פערגלעטען יעדען אונטערשיעד צווישען די נאַציאָנען און זיי צונויפ־שמעלצען אין דעם אָרגאַניזם פון דער מענשהייט.

קיינער וועט ניט אָבלייקענען, אַז יעדער איינצעלנער מענש מוז נאַטיר־ליך לעבען בחברותא, און אַז יעדעס פאָלק מוז לעבען בחברותא מיט אַנדערע צוליעב אֲפִילוּ זיינע אייגענע אינטערעסען. נור אָט וואָס די מְלִיצֵירִיוֹשֶׁר פון דער „מענשהייט" פערגעסען: ניט איין פאָרם פון׳ם חברותא־לעבען פאָדערט, אַז יעדעס בעזונדערע פאָלק זאָל אָפּפערען מיט זיין אינדיווידואַ־ליזם. דער איינצעלנער מענש הערט ניט אויף און קאָן ניט אויפהערען צו זיין אַ פּערזענליכקייט (Личность) אומעטום, סיי אין דער פאַמיליע, סיי אין דער געמיינדע, סיי אין דער מְלוּכָה און סיי אין דער גאַנצער מענשהייט. יעדער מענש האָט זיין ספערע פון אייגענע פּריוואַט־אינטע־רעסען, סימפּאַטיען און אַנטיפּאַטיען, געפיהלען און געדאַנקען. אין דער דאָזיגער ספערע מוז ער זיין זעלבסטשטענדיג, אויב ער וויל נור פריי זיין. דער פעהלער פון׳ם קאָמוניזם בעשטעהט אייגענטליך דערינען, וואָס אַרויס־שטעלענדיג אויפ׳ן ערשטען פּלאַן די אידעע וועגען חברותא־לעבען פער־געסט ער יענעם חֵלֶק איזאָלירונג, אויף וועלכען ס׳האָט רעכט יעדע פּערזענליכקייט.

די „אַלגעמיין־מענשליכע" טהעאָריעס זענען דער איינגענער קאָמוניזם, נור איבערגעטראָגען אויף גאַנצע פעלקער. לויט די טהעאָריעס קומט אויס, אַז כְּדֵי דער מענשליכער פּראָגרעס און שָׁלוֹם זאָלען קענען עק־זיסטירען דאַרף מען פַּטֶר׳ן די נְשָׁמָה, דעם זעלבסטשטענדיגען גייסט פון די נאַציאָנען.

דעם פעהלער פון די אַלע טהעאָריעס קאָן מען אויסדריקען מיט איין וואַרט: זיי זענען געגען דער נאַטור. וואָס פאַר אַ ווערטה וואָלט

האָבּען דאָס „אַחדות" צווישען די מענשען, ווען די מענשען וואָלטען פריהער פערלוירען זייער צורה מיט זייער נְשָמָה?

איצט ווילען מיר איבערגעהן צו דער ריין-וויסענשאַפטליכער טַעֲנָה:

די טַעֲנָה בּעשטעהט דערין, וואָס מען מוז מאַכען אַ אונטער־שיעד צווישען די נאַטירליכע און פּאָליטישע פעלקער. די מענשען־מאַסע, וועלכע איז פעראייניגט דורך איין שפראַך, איין רעליגיע, איין טעריטאָריע א. ז. וו. הייסט נאָך ניט קיין פאָלק אין פּאָליטישען זין. דאָס נ אַ ט י ר ל י כ ע פאָלק קאָן אֶפּילו ניט בּילדען קיין מלוכה. עס קאָן אַריינגעהן אין אַנ'אַנדערע מלוכה, אָדער פערטהיילען זיך צווישען עטליכע מלוכות. פערקעהרט, דאָס פּ אָ ל י ט י ש ע פאָלק קאָן בּע־שטעהן פון פערשידענע ענטנאָלאָגישע עלעמענטען און דאָך זיין אַ פאָלק.

ס'איז לייכט צו בּעמערקען, אַז די, וואָס שטעלען אַרויס די דאָזיגע טַעֲנָה, רעכנען די פּאָליטישע פעראייניגונג פאַר דעם וויכטיגסטען עלעמענט פון דעם פאָלקס־קיום. אַזוי מאַכט דער געלעהרטער בּלונטשלי אַ חלוק צווישען דעם בּעגריף „נאַציאָן" און „פאָלק", פערשטעהענדיג אונטער דעם ערשטען אַנ'נאַטירליך פאָלק, ווי צום בּיישפּיעל אַלע דייטשען, און אונטער דעם צווייטען — אַ מלוכה־פאָלק ווי צ"ב די עסטרייכער, פּרוסען, שווייצאַרען א. ד. ג.

דזשאָן סטואַרט מיל מיינט אויך, אַז די פּאָליטישע פעראייניגונג איז דער וויכטיגסטער תנאי פאַר דעם פאָלקס־קיום.

מיר ווילען זיך מעהר אָבּשטעלען אויף דער דאָזיגער טַעֲנָה.

אונטער דעם נאָמען „נאַטירליך פאָלק" דאַרף מען פערשטעהן אַ שֵבֶט, אַ קִבּוץ פון מענשען, וועלכער איז פעראייניגט מיט גאָר־אַלטע סִימָנִים און בּעדינגונגען, וואָס זענען ניט אָבּהענגיג פון דער היסטאָריע. אַ וועלכע סימנים זענען איבּערהויפּט די קִרְבַת־מִשְפָּחָה און די שפּראַך.

דאָס מלוכה־פֿאָלק בילדעט און פֿערוויקעלט זיך אונטער דער ווירקונג פֿון איין היסטאָרישער ענטוויקלונג. דעריבער קאָן זי צונויפֿ־געשטעלט ווערען פֿון עטליכע נאַטירליכע פֿעלקער. די פֿעלקער, חאָטש זיי זענען פֿעראייניגט קינסטליך, אַסימילירען זיך און ווערען איין נאַציאָן. אויף דעם אופֿן האָט די מלוכה, אַלס פֿאָרשטעהרין פֿון דער גאַנצער נאַציאָן, קיין שום שייכות ניט צו די אַלטע נאַטירליכע פֿעלקער.

לויט דער טענה קומט אויס, אַז די שבֿטים, וועלכע שטאַמען אַרויס פֿון איינע אָבות און רעדען אויף איין שפּראַך, האָבען ניט דאָס רעכט אויף פּאָליטישע זעלבסשטענדיגקייט.

דאָס איז ריכטיג, ביז אַ געוויסער מדרגה, נור קיינער רעכענט ניט אנרופֿען „פֿאָלק" אַ גרופּע קרובֿים, וואָס רעדען אויף איין שפּראַך. „פֿאָלק" איז אַ קולטורעלער בעגריף, ד. ה. דאָס פֿאָלק דאַרף האָבען אַ געוויסע היסטאָרישע ענטוויקלונג, אין וועלכער עס האָבען זיך אַרויס־געוויזען אַלע סימנים פֿון דער פֿאָלקס־פּסיחיק. אויסער דעם מוז דאָס פֿאָלק האָבען אַ גרויסע מאָס פֿאָלקס־בעוואוסט זיין, ד. ה. ער מוז ויסען און פֿיהלען זיין קאָלעקטיווען „איך". ווען דאָס איטאַליענישע פֿאָלק וואָלט אויסער זיין יחוס און שפּראַך גאָר ניט פֿערמאָגט, וואָלט עס ניט געהאַט דאָס רעכט צו טראָגען אויף זיך זיין איצטיגען נאָמען. נור די איטאַליענער האָבען זייער הונדערטיעהריגע היסטאָריע, אַ דאַנטע, מאַקוויעלי, ראַפֿאַעל, מיקעל־אַנדזשעליָ, גאַליליי א. ז. וו. די סימנים פֿון יחוס און שפּראַך מאַכען נור פֿאַר מעגליך צו בילדען אַ פֿאָלק. דער כּח פֿון די סימנים ווערט אויסגעפּריוווט דורך די היסטאָריע. אין פֿערלויף פֿון אַ געוויסער צייט שטעלט זיך קלאָר אַרויס, צו איז דער שבֿט אָדער די גרופּע פֿעהיג צו שאַפֿען אַן אָריגינאַלע קולטור און ווערען אַ פֿאָלק, צו ניין.

די אַנדערע געגנער פֿון דעם נאַציאָנאַלען פּרינציפּ ווייזען אָן אויף אַ זעלכע מלוכות, וועלכע לעבען גאַנץ פֿריי און צופֿריעדען, ניט קוקענ־דיג דערויף, וואָס זיי בעשטעהען פֿון פֿיעל פֿעלקער אין דעם אמת'ן קולטורעלען זין. אַלס דעם וויכטיגסטען ביישפּיעל דיענט שווייצאַריע.

אָט דאָס לאַנד ווײַזט קלאָר׳שט, אַז די מלוכה נויטיגט זיך גאָר ניט אין קיין נאַציאָנאַלען יְסוֹד. אין שווייצאַריע לעבען שוין פון פיעל יאָהרען עטליכע בעשטימטע פעלקער אין שָׁלוֹם און אַחדות. די קאָנ־סטיטוציע אַנערקענט און סאַנקציאָנירט דאָ דריי אָפיציעלע שפּראַכען — פראַנצויזיש, דייטש און איטאַליעניש. ניט קוקענדיג דערויף, ווייזען די דאָרטיגע פראַנצויזען ניט אַרויס קיין שום שטרעבונג צוזושטעהן צו פראַנקרייך, אָדער די דייטשען — צו דייטשלאַנד: זיי האָבען צופיעל ליעב זייער קאָנסטיטוציע גלייך, ווי זי וואָלט געווען זייער טריי פאָטערלאַנד.

פון אונזער שטאַנד־פּונקט בעווייזט דער ביישפּיעל פון שווייצאַריע נור איין זאַך: אַז ביי גוטע אויסגעשלאָסענע בעדינגונגען קענען פער־שיעדענע פעלקער לעבען בְּשָׁלוֹם אין איין מלוכה־פאָרם, אָבער די פעלקער וועלען בְּשׁוּם אוֹפֶן ניט ווערען קיין איין בעזונדערע נאַציאָן.

און ווירקליך, ס׳איז כִּמְעַט ניטאָ איין לאַנד אין גאַנץ איירָאָפּע, וואָס זאָל זיין אומשטאַנד צו בעשאַפען די בעדינגונגען, אין וועלכע עס געפינען זיך די שווייצאַרישע פעלקער. ערשטענס בעגעגנען מיר ניט אין ערגעץ־וואו, אַזאַ אֶמֶת׳ע גלייכבערעכטיגונג פון אַלע פעלקער, ווי אין שווייצאַריע. כִּמְעַט אומעטום איז פאַרהאַן אַ הערשענד פאָלק, וואָס דריקט מיט זיינע פּריווילעגיען אַלע איבעריגע אונטערטעהניגע פעלקער. צווייטענס, דאַרף מען ניט פערגעסען, אַז שווייצאַריע איז אַ פעדעראַ־טיווע מלוכה, וואָס גיעט יעדער פון די דריי קאַנטאָנען (רעספּובליקען) אַ גרויסע פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט, און דערפאַר איז גאַנץ גאַ־ראַנטירט די נאַציאָנאַלע פרייהייט פון די דריי פעלקער וועלכע וואוינען אינ׳ם לאַנד. דער איטאַליענער האָט ניט מוֹרָא, טאָמער וועט מען איהם „פערדייטשערען", און דער דייטש האָט ניט מורא מ׳זאָל איהם מאַכען פאַר אַ פראַנצויז.

דריטענס, דאַרף מען געדיינקען, אַז שווייצאַריע פיהלט ניט קיין שום נויטווענדיגקייט זיך צופעראייניגען אין איין נאַציאָן, ווייל די איירָאָ־פּעאישע פּאָליטיק האָט איהר גאַראַנטירט אַנ׳אייביגען נעטראַליטעט. ווען שווייצאַריע וואָלט בעדאַרפט בעטהייליגען זיך גלייך מיט אַנדערע

מלוכות אין אַלע שטורמישע לעבענס־פּראַגען פֿון דער אויסוויינינגסטער וועלט־פּאָליטיק, ווער ווייסט, ווי אַזוי זי וואָלט אויסגעקומען מיט איהרע דריי פֿערשיעדענע פֿעלקער. דער קִיוּם פֿון שווייצאַריע האַלט זיך איבער־הויפּט אויף איהר פּאָליטישער שוואַכקייט און איזאָלירונג פֿון דער גאַנצער אייראָפּעאישער פּאָליטיק. ווען די שְׁכֵנִי׳שע מלוכות וואָלטען בעשלאָסען צו טהיילען צווישען זיך שווייצאַריע, וואָלט דעמאָלט איהר פּאָליטישע שוואַכקייט זי אַוַדַאי ניט ארויסגעראַטעוועט פֿון דעם אומגליק. נור די געאָגראַפֿישע און סטראַטעגישע לאַגע פֿון שווייצאַריע איז אַזוי וויכטיג, אַז איהר שטאַרקע שְׁכֵנִים קענען ניט ערלויבען איינער דעם אַנדערען זיך אַריינרוקען מיט אַ פֿוּס אין דעם לאַנד. דאָס נעטראַליטעט און די זעלבסטשטענדיגקייט פֿון שווייצאַריע זענען נויטיג פֿאַר די אינ־טערעסען פֿון איטאַליע, דייטשלאַנד און פֿראַנקרייך, אויף דעם אופֿן האַלט זיך די זעלבסטשטענדיגקייט פֿון שווייצאַריע אויף דעם כֹּחַ פֿון דער אויסוויינינגסטער פּאָליטיק.

אין סַךְ־הַכֹּל קענען מיר זעהן, אַז שווייצאַריע איז ניט קיין יוֹצֵא מִן הַכְּלָל. עס זענען פֿאַרהאַן שווייצאַרישע פֿראַנצויזען, שווייצאַרישע דייטשען און שווייצאַרישע איטאַליענער, אָבער ס׳איז ניט ק י י ן ש ו ו י י צ אַ ר י ש ע נ אַ צ י אָ ן. די אַלע דריי פֿעלקער לעבען צווישען זיך בְּשָׁלוֹם אין שווייצאַריע, נור, צי ווילען זיי זיך אויסמישען, צונויפֿ־שמעלצען אין איין פֿאָלק? וויל עמיצער פֿון זיי מְוַתֵּר זיין אויף זיין נְשָׁמָה און אויפֿהערען זיין דאָס וואָס ער איז? אַלס אַ קלאָרע תְּשׁוּבָה אויף די שְׁאֵלָה קאָן דיענען דער רעזולטאַט, וואָס די פֿעראייניגטע רעגירונג האָט געוואָלט מאַכען אין דער קאָנסטיטוציע צוריק מיט עטליכע און דרייסיג יאָהר, אום צו פֿעראייניגען די שווייצאַרישע פֿעלקער אין איין נאַציאָן. די זעלבסטשטענדיגע קאָנטאַנען האָבען דעמאָלט בְּפֵירוּשׁ אַרויסגעזאָגט דער רעגירונג „לֹא מֵעֻקְצֵךְ וְלֹא מִדִּיבְשֵׁךְ“ און האָבען די רעווּיזיע ניט בעשטעטיגט, ווייל זיי האָבען געוואָלט פֿערבלייבען ביי זייער זעלבסטשטענדיגקייט.

ענדליך ווילען מיר זיך אָבשטעלען נאָך אויף דער פֿראַגע, וועלכע די גענגער פֿון דעם נאַציאָנאַלען פּרינציפּ שטעלען אַרויס: צו על־פּי לאָגיק איז נויטיג און מעגליך, אַז די נאַציאָנען זאָלען עקזיסטירען?

ווען די יסודות, לויט וועלכע עס עקזיסטירען און ענטוויקלען זיך די פֿערשיעדענסטע פֿעלקער, וואָלטען געליגען אין די יסודות פֿון דער מענשליכער לאָגיק, וואָלט מעגליך געווען צו שטעלען אַזאַ פֿראַגע. נור, אָבער, ווײַל דער יסוד פֿון דעם פֿאָלקס־קיום, איז אין דער נאַטור־וויסענשאַפֿט, אַנטראָפּאָלאָגיע, געאָגראַפֿיע, געאָלאָגיע, פֿהילאָלאָגיע און היסטאָריע, אין די נאַטור־היסטאָרישע בעדינגונגען פֿון די לענדער און אין דעם עקאָנאָמיש ווירטשאַפֿטליכען לעבען פֿון די איינוואָהנער. דעריבער האָבען מיר ניט קיין שום וויסענשאַפֿטליך רעכט צו שטעלען די פֿראַגע, צי דער שׂכל, די לאָגיק, איז מסכּים אויף דעם קיום פֿון די פֿערשיעדענע נאַציאָנען? מיר קענען און דאַרפֿען שטעלען אַזאַ פֿראַגע: צי גיבען אונז די וויסענשאַפֿטליכע פֿאַקטען גענוג מאַטעריאַל צו בעהויפּטען, אַז די בעדינגונגען, וועלכע ווירקען אויף די אויסבילדונג פֿון די פֿעלקער און אויף זייער אייגענאַרטיגער קולטור, וועלען אויפֿהערען אַמאָל?

ניט איין פֿאַנטאַזיע קאָן זיך פֿאָרשטעלען, אַז די מענשען זאָלען ווען ס'איז בעקומען איין אַליך־איינע סטרוקטור פֿונ'ם קערפּער, איין אַליך־איינע פּסיהאָלאָגיע און איין אַליך־איינע שפּראַך; אַז די גאַנצע ערד מיט אַלע אירע פֿהיזישע אייגענשאַפֿטען און כּחות זאָל פֿערלירען און אָנוועהרען איהר ווירקונג אויף די פֿערשיעדענע קולטורען א. ז. וו. און אויב אַזוי, נעהמען זיך דאָך די יסודות פֿון דעם פֿעלקער־קיום פֿון די אייביגע בעדינגונגען אין וועלכע עס געפֿינען זיך די גאַנצע אויסווייניגסטע וועלט און די גאַנצע מענשליכע נאַטור. די בעדינגונגען ווי אויך די פֿעלקער שטעהען אויסער דער ווירקונג פֿון דער לאָגיק און פֿון דעם סוביעקטיווען ווילען.

מיר געהן ווײַטער. אויב דער קיום פֿון די פֿעלקער הענגט ניט אָב פֿון דעם סוביעקטיווען ווילען, הענגען ניט אָב פֿונ'ם מענשליכען

ווילען אויך די טיעפּאַיינגעוואָרצעלטע שטרעבונגען. וואָס יעדער ווייזט אַרוים אין זיין היסטאָריע. אַנדערש געזאָגט, די טיעפּאַיינגעוואָרצעלטע שטרעבונגען פון יעדען פאָלק זענען אויך אַזעלכע עלעמענטאַרי־שע כחות, ווי די כחות וועלכע טהיילען אָב דאָס פאָלק פון אַנדערע פעלקער. צווישען די טיעפּאַיינגעוואָרצעלטע שטרעבונגען, צווישען די עלעמענטאַרישע כחות פערנעהמט דאָס ערשטע פּלאַץ דאָס שטרעבען פון יעדער נאַציאָן צו בילדען אַ זעלבסטשטענדיגע נציאָנאַלע געזעלשאַפט מיט אַנ׳איינענער טעריטאָריע און מיט אַנ׳אייגענער פּאָליטישער מאַכט.

די היסטאָריע בעווייזט אונז, אַז יעדעס פאָלק, וואָס איז ענער־גיש און פעהיג צו ענטוויקלען זיך, האָט געשט־עבט צו בעקומען אַ גע־ווים לאַנד, צו פערוויקלען זיך אין אַ פאָלקאָמענער נאַציאָן, אויסאַרביי־טען זעלבסטשטענדיגע פּאָליטישע אַנשטאַלטען — מיט איין וואָרט צו בילדען אַנ׳אייגענע מלוכה. די פעלקער, אָבער, וואָס די היסטאָרישע בעדינגונגען האָבען זיי בעליידיגט, האָבען זיך תּמיד גערעכענט העכסט אומגליקליך, ווען זיי איז ניט געלונגען צו בילדען אַ זעלבסטשטענ־דיגע פּאָליטישע געזעלשאַפט און האָבען געמוזט לעבען אין שכנות ביי פרעמדע פעלקער און פרעמדע מלוכות.

פֿערלאַג „קדימה“ אָדעססאַ.

עָס זֶענֶען אַרוֹיס פֿוּן דרוּק:

1) „פֿוּן צַעַר אוּן צָארן“ פֿון ח. נ. ביאליק. פרייז 10 קאָפּ.
1 אין שחיטה־שטאָדט. II דאָס לעצטע וואָרט.

2) „ליבֿעריע“ פֿין ל. פּאַפּערן.

3) „מלוּכה אוּן נאציאָן“ פֿון א. גראַדאַוּוסקי.

4) „דער ציוֹניזם“ (טהעאָרעטישע באגרינדונג) פֿון א. ד. אידעלסאָהן.

5) „די קריטיקער פֿוּן ציוֹניזם“ פֿון וו. זשאַבאָטינסקי.

6) „די עקאָנאָמישע לאַגע פֿוּן די יוּדען אין רוּסלאַנד“ ד. פּאססמאניק.

אַלע בעשטעלונגען מעהר פֿון 3 רובל ווערען געשיקט פער נאַכנאַהמע, פּאָרטאָ פֿריי. וועניגער פֿון 3 רובל, מוז געלד פֿאָראוֹיס געשיקט ווערען. (מ׳קען דורך פּאָסט מאַרקען).

Поступили въ продажу:

Критики Сіонизма 2-ое дополн. изд. В. Жаботинскаго, цѣна 5 коп.
Государство и Націа, Рудольфа Шпрингера, цѣна 10 к. (пер. 2 к.)
Классовые моменты Національнаго Вопроса, Б. Борохова, ц, 10 к.
Седьмой конгресъ. Отчетъ Л. Яффе, цѣна 20 к, (пер. 4 к.)
Націоналный Вопросъ, передъ судомъ Соціалъ демократовъ. Вступительн. статья и перев. д-ра Д. Пасманника, ц: 12 к. (пер 4 к.)
Сказаніе о погромѣ, Х. Н. Бялика. Переводъ и предисловіе Влад. Жаботинскаго, цѣна 7 к. (пересылка 2 к,)
Марксизтъ и Еврейскій Вопросъ, А. Идельсона. ц. 5 к. (пер. 2 к.)
Факторы національнаго характера, Альфреда Фулье. цѣна 10 коп.
Эконотическое положеніе евреевъ въ, Росіи, д-ра Д. Пасманника, цѣна 15 коп. (пересылка 4 к.)
Ахадъ-Гаамъ и его теоріа, (съ біографіей и портрет. Ахадъ-Гаама) д-ра І. Клаузнера, ц. 20 к. (пересылка 4 коп.)
Соціално-экономическія основы колонизаціи, д-ра Оппенгеймера, цѣна 12 коп. (пересылка 4 коп.)
Колонизація Палестины, проф Варбурга, цѣна 8 к. (перес. 2 к.)
„Большая“ и „Малая“ колонизаціа, д-ра З. Соскина, цѣна 6 к.
Среди еврейскаго пролетаріата, д-ра С. Ландау, ц. 15 к, (распрод.)
Докторъ Герцль, Влад. Жаботинскаго, цѣна 15 к. (распродано).
Еврейское воспитаніе, его-же, цѣна 5 коп. (пересылка 2 коп.)

Печатаются въ Берлинѣ художественныя открытыя письма на еврейскіе національные сюжеты.

Адресъ: Книгоиздательство „КАДИМА“ Одесса.

Adresse: **Verlag „KADIMAH“ Odessa, (Russland).**